שנה ג'
נומער קי"א
**פרשת יתרו**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל




# נייע ווערטער ארויפגעלייגט אויפן בנין התלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי

## בנין באקומען דורך תפלה

**בילדער אפטיילונג:**
נייע חדר אין ירושלים

**נייעס:**
מגבית פארן בית המדרש עצתו אמונה אין שטעטל

**א סעודה מיט'ן ראש ישיבה:**
פארוואס ווער איך נערוועז פון די דרשות?



**סיום מסכת מגילה ליל ששי פרשת בשלח**

# קרית ברסלב
ליבערטי

רעדאקציע
אברהם הערש וועבערמאן
אברהם יצחק אייזנער
יחזקאל שרגא שארף

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידיש שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## בריוו צו די רעדאקציע

### קרית ברסלב בלעטל צו באקומען אין ענגלאנד

א גרויסן יישר כח פארן ארייגלייגן פארגאנגענעם וואך אלע אינפארמאציע וויאזוי מען קען באקומען 'עצתו אמונה' אין די 'קרית ברסלב בלעטל' ביים טיר דא אין ענגלאנד.

איך האב גלייך באקומען טעלעפאון רופן פון אסאך אידן וואס ווילן באקומען אויף די פאסט, מען האט זיך גלייך גענומען צו די ארבעטן און אנגעהויבן דרוקן פאר די אלע אידן וואס האבן געבעטן.

איך וויל נישט איר זאלט מיינען אז דאס וואס איך שרייב איז נישט אמת, שיק איך אייך דא א בילד פון די גליונות געדרוקט און גרייט צו ווערן ארויסגעשיקט.

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר אייער ארבעט, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעס גוטס.

מען קען רופן אויף: 07393075443

אימעיל: KerenHadfusaMcr@gmail.com



## זמנים Liberty

פרשת יתרו כ' שבט תשפ"ב

הדלקת הנרות.......... 04:42
מוצאי שבת ............ 06:13
מנחה מעריב משפטים. 06:00





MOTTY HEIMLICH
iSecure Systems

- Business Phones
- Surveillance
- Networking
- Access Control
- Alarm
- Home Automation
- Intercoms
- Audio

78 Denman Rd.
Liberty, NY 12754
E. motty@isecureny.com
T. 845-681-0280
C. 347-738-1041

Where service and quality is our priority.


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמשון הערש טייטלבוים הי"ו**
**וזוגתו רבקה חנה תחי'**

**פאר די אפשערן פון זייער אינגל נחמן נתן נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

# שטעטל נייעס

## בנין התלמוד תורה איז גרייט פאר די קינדער נאכן אריבערגיין רענאוואציעס



ווען מען קומט היינט באזוכן די שטעטל, זעט מען די הייליגע מוסדות אין שטעטל איינקוואטירט אינעם גרויסן פרעכטיגן בנין אויף טשעסטנאט ראוד. א גרויסע דריי שטאקיגע בנין, שיין און שטארק, ווי די קינדער לערנען און פארברענגען במשך די וואך מיט הרחבת הדעת.

א יאר צוריק האט מען דאס נאך נישט געהאט, מען האט ניטאמאל געחלומ'ט פון אזא בנין, ווען דער ראש ישיבה האט געעפענט די שטעטל, האט מען נישט געוויסט וואו מען וועט פלאצירן די מוסדות, אבער מען האט יא געהאט גאר גרויסע פלענער, די פלענער זענען באשטאנען פון תפילות, תפילות פון אלע איינוואוינער פון שטעטל, תפילות פון קינדער תינוקות של בית רבן און מען האט געגלייבט אז דער אייבערשטער האט שוין זיינע וועגן וויאזוי מען וועט האבן א בנין פאר די מוסדות.

צווערשט איז מען געווען אין בעיסמענטס צוזייט און צושפרייט צווישן עטליכע לאקאלן, אזוי האט מען דורכגעשטופט דעם ערשטן יאר, ווען מען האט מחנך געווען די טייערע קינדערלעך אויפן הייליגן אויסגעטרעטענעם וועג פון די פריערדיגע צדיקים, און אויסגעלערנט די קינדער אז וואס זיי דארפן נאר דארף מען בעטן דעם אייבערשטן.

די קינדער האבן מתפלל געווען כסדר אז מען זאל האבן א גוטע פלאץ פאר די תלמוד תורה און די סקול. און דער אייבערשטער דער שומע תפלת כל פה האט צוגעהערט די תפילות, און אומגעראכטן צוגעשיקט א פאסיגע פלאץ, גרויס און שיין, נאנט צום שטעטל, א פולקאם גרייטע בנין, מיט פילע קלאס צימערן, א קאך, א גרויסע לאנטש רום, און אלע געברויכן וואס מען דארף נאר האבן.

לאמיר אביסל צוריק גיין די היסטאריע פון דעם בנין; דער בנין איז געבויט געווארן מיט מסירת נפש פאר בערך הונדערט יאר צוריק דורך די אידן וואס האבן זיך ארויסגעצויגן אין דעם געגענט, נישט צו דארפן מחלל שבת זיין חס ושלום, וואס דאס איז אין יענע צייטן געווען איינע פון די גרויסע נסיונות דאהי אין אמעריקא, דער בנין האט מען גענוצט צו לערנען און דאווענען און אזוי אויך אלע אידישע געברויכן.

ליידער איז די געגנט געווארן אויסגעשפילט מיט די צייט, צוליב וואס די ארטיגע אידן האבן נישט געלייגט קיין דגוש אויף די חינוך פון די קינדער, ממילא איז נישט געווען ווער ס'זאל ווייטער ציען אידישקייט, און דער בנין האט געפוסטעוועט פאר א לאנגע צייט.

דאן איז עס ארויפגעקומען אויף די מארקעט פאר א גאר גוטע פרייז, און ברוך השם אז דער בנין איז דאן אריבער צו די הייליגע מוסדות היכל הקודש ברסלב, וואס האבן עס תיכף אריינגענומען אין באנוץ פאר די וואקסנדע מוסדות.

אזוי ווי עס האט נאך געדארפט האבן פארשידענע רענאוואציעס, צוליב דעם וואס דער בנין איז שוין נישט געווען אין באנוץ פאר א לענגערע צייט, האט מען זיך תיכף גענומען צו די ארבעט, מו"ה שבתי מזרחי הי"ו האט זיך צוגעכאפט און אפגעקויפט דער זכות פונעם בנין מיט די רענאוואציעס, אזוי אויך האט מען צוגעלייגט פרישע נייעס קלאסן פאר די קינדער, גרויס און שיין, עס זאל זיין באקוועם און געשמאק צו מחנך זיין די טייערע קינדערלעך אויפן וועג פונעם הייליגן רבי'ן.

יעצט ווען די ארבעט איז שוין ב"ה פארטיג געווארן, האט מען ארויפגעלייגט שיינע גרויסע אותיות אינדערויסן פונעם בנין וואס טראגט מיט שטאלץ די ווערטער "**תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, בהתייסדות כ"ק מוהרא"ש ז"ל, בנשיאות הראש ישיבה שליט"א**", און אין צענטער א שיינע ברסלב'ע קרוין.

אין דעם בנין וועט מען ווייטער לערנען מיט די קינדער אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט נאר דער אייבערשטער, און ערציען די קינדער לתורה לחופה ולמעשים טובים.



# שטעטל נייעס

## הערליכער מלוה מלכה פארגעקומען אין שטעטל להחזקת ביהמ"ד עצתו אמונה




פארלאפענעם מוצאי שבת איז פארגעקומען א העכסט עלעגאנטע און רייכע מלוה מלכה לטובת די קאמפיין פאר'ן בית המדרש עצתו אמונה ומקוה טהרה-מקוה מלכה, די דריטע רינגעלע אין קייט פון בתי מדרשים אינעם שטעטל קרית ברסלב.

די ווארעמקייט האט זיך שוין אנגעהויבן אנצוזען ביי די חשוב'ע איינוואוינער פון שטעטל אינמיטן די וואך ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן גאר אווארימע בריוו לטובת די קאמפיין.

אריינקומענדיג אין בית המדרש האט אפגעווארט גאר א רייכע סעודת מלוה מלכה, מכל טוב וטוב, אנגעפירט דורכ'ן חשוב'ער גבאי און מנהל בית התבשיל ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, צוזאמען מיט ר' אברהם דוד לאקס הי"ו, דערנאך איז יעדער פון די משתתפים אויפגענומען און באגריסט געווארן דורך די חשוב'ע עסקנים פונעם קאמפיין הי"ו. העסקן ר' ארי פיש האט געעפנט דעם מעמד מיט טרעפליכע ווערטער ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע זכות און זכי' צו שטיצן אזא מקום קדוש.

דערנאך האט אויפגעטרעטן דער גבאי פונעם בית המדרש ר' יואל שניצלער הי"ו, וועלכער האט מיט טרעפליכע מעשיות ארויסגעברענגט ווי ביים שטיצן א מקום תורה ותפלה זענען די חשבונות נישט פראפארציאנאל, נאר די זכותים מערן זיך אומצאליג און דאס טוט באשטיין פאר'ן מענטש צו מצליח זיין בבני, חיי ומזוני רוויחי און סייעתא דשמיא.

אזוי אויך האט דער חשוב'ער דיין דקהילתנו שליט"א זיך מטריח געווען צו קומען און באשיינען דעם מעמד, דער דיין שליט"א האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון זיך צאמקומען בשבת אחים צו א סעודת מלוה דמלכה, דערנאך האט דער דיין שליט"א ארויסגעברענגט די חשיבות פון געבן צדקה פאר צוועקן וואס זענען נישט אזוי דראמאטיש, נאר פשוט מ'וויל געבן צדקה צו שטיצן א מקום תורה וכדומה, און דער דיין האט צוגעענדיגט מיט'ן פסוק וואס מ'האט געליינט שבת "ויהי ידיו אמונה", די הענט זאלן שטיצן און ארויסהעלפן "אמונה", דעם בית המדרש עצתו אמונה.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות לסעודת מלוה דמלכה באגלייט בשירה וזמרה דורכ'ן בעל בנגן ר' שמעון לאקס הי"ו.

אן איבערראשנדיגע מאמענט איז געווען פאר אלע משתתפים ווען עס האט אריינשפאצירט אין בית המדרש ר' אהרן וועבערמאן הי"ו, פון די חשוב'ע עסקנים פאר די מוסדות הקדושים און אן עסקן לכל דבר שבקדושה אין קהילת היכל הקודש, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פארן קיין קרית ברסלב צו באשיינען דעם מעמד; ר' אהרן האט ווי שטענדיג מיט זיינע הארציגע דברים היוצאים מן הלב אנגעווארעמט די הערצער צו אנטייל נעמען אינעם "מיין שול" קאמפיין, ר' אהרן האט אין געציילטע ווערטער ארויסגעברענגט ווי ווייט דער ראש ישיבה געבט זיך אוועק פאר אונז, און ווי מיר דארפן אנטקעגן קומען צו העלפן דעם ראש ישיבה למעלה מיכולתינו.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט ווארעמע ווערטער ר' יואל ראזענבערג הי"ו חבר הנהלת הקרי', וועלכער האט ארויסגעברענגט אין געציילטע ווערטער די גרויסע סייעתא דשמיא וואס באגלייט די שטעטל מיום הווסדה, און אז דורך העלפן בויען דעם בית המדרש און נאך קען מען זיך רוקן צו די ווייטערדיגע פראיעקטן וואס זענען דא אויפ'ן טיש.

צום שלוס האט אויפגעטרעטן דער קאמפיין אנפירער ר' דוד לאקס ני"ו מיט גאר ווארעמע ווערטער, ארויסברענגענדיג די תועלת פון האבן א בית המדרש אין מקוה יעדער אין זיין געגנט, און אז דורכ'ן געבן דא וויפיל מ'קען העלפט מען זיך אליינס גאר אסאך. נאכן בענטשן איז זיך די ציבור המשתתפים צוגאנגען, א טייל שפירנדיג פרייליך מיט'ן נעמען א חלק אינעם קאמפיין, און א טייל ארויסקוקנדיג אויף די געלעגנהייט צו קענען אנטייל נעמען אין דאס אויפבוי פונעם הערליכן בית המדרש עצתו אמונה.

צו נעמען א טייל אינעם קאמפיין "מיין שול - א שטיין נאך א שטיין", קען מען זיך ווענדן צו האברך ר' דוד לאקס נרו יאיר, אדער צו ר' יעקב משה אינדארסקי שליט"א.

היכל הקודש

# נייעס

ירושלים

## תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים עיר הקודש



"זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו", נאך א יאר וואס אנשי שלומינו אין ירושלים האפן און בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג האט מען יעצט זוכה געווען אז די תפילות זענען אנגענומען געווארן און מען האט זוכה געווען צו אנקומען צו דעם גרויסן טאג ווען עס איז ברוך השם געעפנט געווארן א נייע חדר "תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים", ווי די קינדער פון אנשי שלומינו האבן די זכיה צו לערנען פון מלמדים מומחים יראי השם תלמידי היכל הקודש.

אנגעהויבן האט זיך דער חדר אינעם עזרת נשים פון בית המדרש היכל הקודש ירושלים, שפעטער איז מען אריבער אין שטוב פון מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו, וואס האט מתנדב געווען אוועקצוגעבן דעם צימער פאר די נייע תלמוד תורה, וואס האט א באזונדערע ארייננגאנג פון די גאס, און א חצר פאר די קינדער צו שפילן. מען האט אויפגענומען א מלמד מומחה א תלמיד פונעם ראש ישיבה, וואס האט גענומען שימוש וויאזוי צו לערנען מיט קינדער ביים ראש ישיבה אין וויליאמסבורג.

ווי מען הערט נאך זענען די עלטערן און די קינדער צוגלייך ברוך השם זייער צופרידן, די קינדער זענען זייער פריילך יעדן טאג צו גיין אין חדר, ווי דער געטרייער מלמד ווארט זיי אפ, און געבט זיך אפ מיט זיי מיט פיל ווארימקייט, און לערנט מיט די קינדער אזוי געשמאק, און לייגט אריין אין זיי אמונה אינעם אייבערשטן, אויף אזא וועג אז דאס וועלן זיין מיטנעמען אויפן גאנצן לעבן בעזרת השם יתברך.

אין א בריוו צו אנשי שלומינו אין ירושלים שרייבט דער ראש ישיבה: **די שמחה ביי אונז איז זייער גרויס אז מען האט געעפנט א חדר אין ירושלים; מיר האבן אזוי געעפנט אונזער חדר שנת תש"ע מיט געציילטע קינדער. דעמאלט איז דאס געווען דער גרעסטער חוזק; נישט חוזק פון די גאס, חוזק פון היכל הקודש!**

קיינער האט נישט אריינגעשיקט די קינדער, איך האב געפרעגט מוהרא"ש אויב איך קען אויפהענגען א צעטל אין בארא פארק שול ביי מוהרא"ש, מוהרא"ש האט געהאט די שליסל פון די בולעטי"ן באר"ד וואו מען הענגט די צעטלעך, מוהרא"ש האט געעפנט די טיר און מיט א שמייכל מיר געהייסן אריינלייגן די צעטל, מוהרא"ש האט פאראכטן צוויי ווערטער; איך בין געווען זיכער אז אלע גייען אריינלייגן די קינדער, איך בין געווען צו שאנד און צו שפאט, אלע האבן געלאכט... איך האב אויף קיינעם נישט געקוקט, איך האב סיי ווי נישט געהאט קיין ברירה, איך האב געדארפט א מוסד פאר מיינע קינדער; היינט קוק איך צוריק, זאג איך איין ווארט: "שכוח אייבערשטער!"

אין די גאנצע וועלט

## הילולת מוהרא"ש געפראוועט אין אלע געגנטער



פארגאנגענעם מיטוואך פרשת יתרו י"ז שבט איז געפאלן די זיבעטע יארצייט פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע. אין אלע געגנטער ווי עס געפונט זיך א בית המדרש היכל הקודש, איז מען זיך צאמגעקומען פראוועגען די גרויסע יומא דהילולא, סיי דא אין אמעריקא און אזוי אויך אין ארץ ישראל און אין אייראפע.

אין וויליאמסבורג איז פארגעקומען די יומא דהילולא בהשתתפות דעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט גערעדט גאר א וויכטיגער שיעור ארויסברענגענדיג וואס מיינט דעם הייליגן טאג פאר אונז, און וואס מען דארף מיטנעמען פון אזא טאג.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "עס איז דא מענטשן וואס האבן באקומען געוויסע חפצים פון מוהרא"ש און דאס גלייכן, מיר דארפן זעהן צו נעמען די שכל פון מוהרא"ש זי"ע, וואס דאס קען יעדער ירש'נען, די וועג וויאזוי מען קען לעבן מיטן אייבערשטן, די וועג וויאזוי זיך אויסצוקומען מיט א ווייב און קינדער, די וועג צו לערנען, דאס אלעס איז דא צו באקומען פאר יעדן צוגלייך.



# "מעשיות פון תפילה"

## מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב:

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל האבן יעדע וואך שבת צוויי הדסים אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות אז שמעקן הדסים איז א סגולה פאר קינדער תלמידי חכמים, אבער איך בין קיינמאל נישט אנגעקומען צו קויפן, יעדע וואך פאר א אנדערע סיבה.

פאריגע וואך פרייטאג קום איך אהיים און איך זע ביי מיין טיר צוויי הדסים, נאכ'ן זיך נאכפרעגן ווער עס האט עס געברענגט בין איך געוואויר געווארן אז ר' יעקב משה אינדארסקי האט זיך אונטערגענומען צו ברענגען הדסים אין שטעטל פאר ווער עס וויל האבן.

שכח אייבערשטער פאר די שיינע מעשה פון תפילה.

## אברהם אלי' פרידריך - ווילימסבורג:

ס'איז געווען פאריגע מאל ווען דער ראש ישיבה איז געווען אין שטעטל פאר שבת, האב איך זיך גרייט געמאכט צו גיין דאווענען אין שול מיט מיינע קינדער וואס האבן אויך געוואלט קומען כדי צו זיין ביים שיעור ספורי מעשיות, אבער ארויסקוקנדיג פון פענסטער זעען מיר אז ס'רעגנט גאר שטארק, וואס טוט מען דא?

די זייגער רוקט זיך נאר פאראויס און מיר ווילן נאך אנקומען פרי, האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן די רעגן זאל זיך שנעל אפשטעלן, און מיר האבן אויך צוגעזאגט פאר'ן אייבערשטן אז מיר וועלן מפרסם זיין די מעשה אינעם 'בלעטל'.

נאך אפאר מינוט בעטן האט זיך דער רעגן טאקע אפגעשטעלט, שכח אייבערשטער.

## הערשל שניטצלער - קרית ברסלב:

פארגאנגענע וואך האט מיין ברודער בערל נ"י פארציילט א שיינע מעשה פון תפלה וואס איך האב געהאט א חלק אין די מעשה, יעצט וויל איך פארציילן מיין חלק אין די מעשה.

איך בין געווען אויפן וועג צו די חתונה פונעם ראש ישיבה, רופט מיר מיין ברודער אן און פארציילט מיר אז ער איז ארויסגעפארן בערך א שעה פאר מיר און האט זיך אפגעשטעלט אויפן וועג אין א גאז סטאנציע זיך צו אנטון בגדי שבת, אנקומענדיג צו די חתונה האט ער זיך געכאפט אז זיין בערזל איז געבליבן בטעות אינעם גאז סטאנציע, און אזוי ווי איך בין נאך אינמיטן וועג בעט ער מיר איך זאל זיך אפשטעלן דארט וואו ער טראכט אז ער האט פארגעסן זיין בערזל און עס אויפזוכן פאר אים.

האב איך געטראכט "ס'לייגט זיך נישט אויפן שכל אז ס'ליגט נאך דארט, ס'איז א גוי'איש פלאץ און אויב איינער האט עס געטראפן פארוואס זאל ער עס זוכן צוריקצוגעבן".

אבער מיר ווייסן דאך יא פון די ווינדערליכע און ווירקזאמע עצה 'תפילה', האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן די בערזל, און מיין ברודער האט אויך געבעטן דעם אייבערשטן אז אפילו ס'נישט דא קיין סאך שאנסן עס צו טרעפן אבער מיט תפילה קען מען "אלעס" און טאקע "אלעס" באקומען, האבן מיר ביידע געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל געפונען דעם בערזל מיט איר גאנצע אינהאלט.

איך בין אנגעקומען אינעם גאז סטאנציע און איך פרעג דעם ארבעטער צו ער האט אפשר געטראפן א בערזל, זאגט ער מיר אז יא ער האט געטראפן א בערזל, איך האב אים געגעבן סימנים און שכח אייבערשטער די בערזל איז געווען דארט מיט אלעס אינעווייניג!

"שכח אייבערשטער פאר'ן אלץ ענטפערן ווען מען בעט דיר".

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, יוֹמָא דְהִילוּלָא שֶׁל מוֹהֲרָא"ש זצוק"ל שְׁנַת תשע"ט לפ"ק**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

וָואס קְרֶעכְצְסְטוּ אַזוֹי? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

דוּ זֶעסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס פַּאר אַ צָרוֹת עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער? וֶוער עֶס הֶערְט דִי נַייעֶס זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן וָואס דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וִוי דֶער נִיגוּן גֵייט אִין בְּרֶסְלֶב: **"אָט אִיז מֶען דָא, אָט אִיז מֶען דָארְט, אָט לִיגְט מֶען שׁוֹין אוֹיפְן אֵייבִּיגְן אָרְט"**; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אִין דִי נַייעֶס אַז אַ בָּחוּר אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין יְשִׁיבָה מִיט זַיין בַּייק, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט אִים אַ קַאר אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; הָאסְט אוֹיךְ אַוַדַאי גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס פוּן דִי שְׁוֶוערֶע עֶקְסִידֶענְט וָואס הָאט פַּאסִירְט דֶעם פַּארְגַאנְגֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מִיט אוּנְזֶער חַבֵר הַבָּחוּר ...; עֶר אִיז גֶעפָארְן אַ נְסִיעָה אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אִין אֵיירָאפֶּע, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַייז אוֹיפְן וֶועג אוּן דֶער קַאר אִין וֶועלְכֶער עֶר אִיז גֶעזִיצְן הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶע חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען וָואס עֶס גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן סֶעקוּנְדֶע. מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת אוֹיפְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מֶען קְרֶעכְצְט אוּן מֶען וֵויינְט אוֹיף דָאס אוּן אוֹיף יֶענְץ, בִּשְׁעַת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאךְ אַזוֹיפִיל חֲסָדִים פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קלו, ד): **"לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ"**, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נִדָּה לא.): **"לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסוֹ"**, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִי נִיסִים, וֵוייסְט אַלֵיינְס נִישְׁט וָואס פַּאר אַ נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן אוּן וֵויינֶען הֵייבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר"**, אוּן רֶעכְן אִים אוֹיס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. אֲפִילוּ דוּ הָאסְט זַאכְן וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי דוּ וִוילְסְט, וֶועסְטוּ דָאס נָאכְדֶעם בֶּעטְן, אָבֶּער קוֹדֶם קוּק אַבִּיסְל אוֹיפְן לֶעבְּן מִיט אַ גוּט אוֹיג.

גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; מִיט וִויכּוּחִים וֶועסְטוּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען. גֶעבּ נָאךְ פַאר דַיין וַוייבּ; וָואס וִויל זִי שׁוֹין פוּן דִיר? סַךְ הַכֹּל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מִמֵּילָא אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ טַעְנָה'ן. גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ זָאג דִיר שְׁטֶענְדִיג: **"מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט נָאךְ, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט שְׁטֶערְקֶער וֶוען מֶען פִירְט אוֹיס"**.

**אַ גוּטֶע נַאכְט.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### ענדיגן ש"ס

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "איינמאל האב איך זיך פארבענקט אינמיטן די וואך צו גיין צו מוהרא"ש זכרונו לברכה בין איך געפארן צו מוהרא"ש מיט איינעם פון אנשי שלומינו, מיר זענען אריין צוזאמען, און מוהרא"ש פרעגט אונז: פארוואס זענט עטץ געקומען? האבן מיר געענטפערט: ווייל מיר האבן זיך פארבענקט, האט מוהרא"ש געזאגט: זייער פיין, און מוהרא"ש האט געשמועס מיט אונז עטליכע שיחות, ביז מוהרא"ש רופט זיך אן: "אז איך וועל בלייבן שמועסן מיט ענק וועל איך גארנישט האבן דערפון, לאמיר ענדערש אביסל לערנען - נאר דאס בלייבט איבער", מוהרא"ש נעמט ארויס א גמרא מסכת שבת און הייבט אן צו לערנען, אזוי גייט אריבער א שטיק צייט און מוהרא"ש לערנט מיט א געשמאק א דף נאך א דף, דערנאך האט אונז מוהרא"ש געזאגט "איך האב כמה שיעורים אין ש"ס", נאך אפאר מינוט האבן מיר געזאגט א גוטע נאכט, און מיר זענען ארויס פון מוהרא"ש'ס צומער".

ווען דער ראש ישיבה האט דאס פארציילט, איז געזיצן דארט א חתן וואס איז געקומען צו פארן פון ארץ ישראל צו לערנען אין ישיבה, (א תלמיד פונעם ראש ישיבה שליט"א דורכ'ן האטליין 'קול ברסלב') און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צום חתן: "אז דו ביזט געקומען דא צו זיין אין אזא הייליג פלאץ, אפשר מאכסטו זיך א פלאן צו ענדיגן ש"ס אויף דיין חתונה?!" און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט עטליכע ערליי מהלכים וויאזוי צו לערנען ש"ס; איין מהלך, איז צו נעמען איין מסכת אויף א מאל און דאס איבער גיין הונדערט און איין מאל און דערנאך גיין צו דער קומענדיגע מסכתא; די צווייטע מהלך איז, נאכאמאל אנהייבן ש"ס פון אנהייב כסדרן; נאך א מהלך, איז צו לערנען די מסכתות לויט די זמני השנה, צום ביישפיל יעצט פאר די הייליגע טעג לערנט מען די מסכתות - ראש השנה, יומא, סוכה, און אזוי ווייטער יעדע יום טוב איר מסכתא, און שבת לערנט מען יעדע שבת אביסל פון מסכת שבת. "אזוי טו איך, יעדע וואך שבת לערן איך אביסל פון מסכת שבת, אמאל לערן איך צען בלאט און אמאל איין עמוד, דאס ווענדט זיך וויפיל צייט איך האב".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו לערנען און ענדיגן ש"ס צענדליגער מאל.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל




## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הֶעלְפְּסְט רֵיינִיגְן דִי יְשִׁיבָה אוּן דִי חֵדֶר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סג:) אַז וֶוען דֶער אָרוֹן אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ פוּן עוֹבֵד אֱדוֹם פְלֶעגְט עֶר אוֹיסְקֶערְן דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער אָרוֹן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן אוֹיפְוַואשְׁן אַרוּם דֶעם אָרוֹן, אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-ב ו, יב): "**וַיְבָרֶךְ ה' אֶת עֹבֵד אֱדֹם וְאֶת כָּל בֵּיתוֹ**"; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען רֵיינִיגְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן הֶעלְפְן טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְפְרִי; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶעלְפְט פַארְן מוֹסָד הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיין, **יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן אִיז אַ זְכוּת פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת.**

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "**מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה** וְכוּ'", וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט פַאסְטְן אוּן תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט סִיגוּפִים, תְּשׁוּבָה אִיז צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תְּשׁוּבָה אִיז צוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אָן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן הַיינְט צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע**".

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט, וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מִיר הָאבְּן אֵיין אַדְרֶעס פַאר אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן: "**זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**". אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן דַיין מְלַמֵּד אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה זֵייעֶר פְלַייסִיג; **וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.**

**בִּזְכוּת וָואס דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן**

## א מעשה פון הפצה

ראובן בירנבוים:

איך בין געגאנגען הפצה ביי די הייזער אין שטאט לעיקוואד, ביי איינע פון די הייזער האט מיר איינער זייער שיין אויפגענומען, און ער זאגט מיר ער מוז מיר פארציילן עפעס.

ער נעמט ארויס א בילד פון א צוקראכטע קאר, און ער זאגט מיר: "זעהסט דעם קאר? דאס איז מיין קאר; איך בין געפארן אויפן וועג, אינמיטן וועג האב איך געהאט א שווערע עקסידענט, מיין גאנצע קאר איז צוקוועטשט געווארן, אבער איך בין ארויס פונעם קאר אן קיין איין קריץ, הצלה איז אנגעקומען אויפן סצענע און זיי פרעגן מיר "ווער איז די דרייווער פונעם קאר"? זאג איך זיי איך בין עס, זיי קוקן מיר אן אזוי פארוואונדערטערהייט, און זיי רופן זיך אן: "דו ביזט טאקע געווען די דרייווער? וויאזוי קען מען ארויס גיין לעבעדיג נאך אזא שווערן עקסידענט"? און איך זאג זיי "יא יא איך בין דער דרייווער, און שכח אייבערשטער אז איך בין ארויס פון דא לעבעדיג".

פארציילט ער פאר ר' ראובן נ"י: א שטיק צייט צוריק האב איך דיר געטראפן און האסט מיר דעמאלטס מפיץ געווען א קמיע פון מוהרא"ש זי"ע וואס איז א סגולה לשמירה ולהצלחה, איך האב עס דעמאלטס אריינגעלייגט אין מיין קאר, אז דאס זאל מיר היטן אויף די וועגן על כל צרה שלא תבא.

אפאר טעג נאכדעם האב איך געהאט דעם עקסידענט רחמנא לצלן, און א דאנק די קמיע וואס איך האב געהאלטן אינעם קאר בין איך ארויס לעבעדיג אן קיין קריץ.

קאמאנטארן זענען איבעריג.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## אנשי שלומינו רופן זיך אן ווארעם ביומא דהילולא פון מוהרא"ש זי"ע

גאר גוטע פאזיטיווע נייעס הערט מען אינערהאלב די אפיסעס פון קרן הדפסה היכל הקודש, אז אנשי שלומינו פון איבעראל האבן זיך גאר ווארעם אנגערופן און ארויסגעהאלפן דרוקן די הייליגע ספרים אינעם טאג פונעם יארצייט פון אונזער רבי מוהרא"ש ז"ע.

אזוי ווי עס איז געווארן איינגעפירט אז אינעם טאג פונעם יארצייט רופט מען אויס מען זאל זעהן ארויסצוהעלפן דרוקן די ספרים, ווייל ווי אלע ווייסן איז דאס געווען די רצון פון מוהרא"ש זיין גאנצע לעבן, ער האט זיך פאר דעם מוסר נפש געווען, אריינגעטאנצן אין שווערע חובות, אלץ נאר צו קענען דרוקן די ספרים און עס פארשפרייטן אין די גאנצע וועלט, און דאס טוען מיר ווייטער, מיר דרוקן די ספרים און די מפיצים זענען עס מפיץ אין די גאנצע וועלט.

ווילן מיר זיך באדאנקן פאר אלע וואס האבן אזוי שיין ארויסגעהאלפן, יעדער איינער וויפיל ער קען, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס זייער גאנץ לעבן, זייערע קינדער און אייניקלעך זאלן אלץ זיין מקושר צו צדיקים און גיין אויף זייערע וועגן.

## ספר עצתו אמונה חלק ה' אנגעקומען

נאך א לאנגע צייט פון ארבעטן גאר שווער אויף נאך א חלק פון ספר עצתו אמונה, הערט מען יעצט די פרייליכע נייעס, אז עס איז שוין ברוך השם אנגעקומען די פינפטע חלק פון ספר עצתו אמונה.

עס איז שוין היינט נישט קיין סוד ביי קיינעם וואס דער ספר עצתו אמונה איז, און וואס עס טוט אלץ אויף אין די וועלט, עס רעדט זיך פון די בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס ווערט געשריבן יעדן טאג און עס קומט ארויס וועכנטליך אין א קונטרס, שפעטער נעמט מען דאס צאם און מען דרוקט דאס אין א פארמאט פון א ספר.

ביז היינט איז שוין ארויס געקומען פיר חלקים דערפון, יעצט איז געענדיגט געווארן די פינפטע חלק, צו באקומען דעם ספר פארבינדט זיך מיט די אפיס פון קרן הדפסה אויף 718-387-2691

# בילדער פון קרן הדפסה



מוהרא"ש באזוכט אין בית הדפוס



מען דרוקט ספרים אינעם פריערדיגן בית הדפוס אין ישיבה



ווערט געזעהן גאר אסאך קונטרסים פריש איבערגעדרוקט

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**אברהם ברוין** – מאנסי
**מענדל טירנויער** – קרית יואל
**יעקב דוב כהן** – קרית יואל
**אברהם יושע וועבערמאן** – קרית ברסלב
**אייזיק קאהן** – דזערזי סיטי
**מרדכי אהרן היילפרין** – קרית ברסלב
**הערשי זאבעל** – ווילאמסבורג
**יואל ראטטענבערג** – קרית יואל
**הרוצה בעולם שמו** – דזערזי סיטי
**משה יחיאל פעלדמאן** – קרית ברסלב
**לוי יצחק זאפיר** – בארא פארק
**יואל משה פליישמאן** – קרית יואל

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#
email:donate@kerenhadfusa.org
whatsapp: 518.966.2370



# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִּיק

### מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר אִידִישְׁקֵייט

דֶער בַּאוואוּסְטֶער 'מַגִּיד' רֶבִּי יַעֲקֹב גַאלִינְסְקִי זצוק"ל, הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז אַלְץ אִינְגֶערְמַאן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער 'חֲזוֹן אִישׁ' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: יֶענְקְ'לֶע! אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרַיין גַנָבֶ'עֲנֶען אִין יַבְנְאֵל - אִין גָלִיל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן קוּקְן וָואס מֶען טוּט דָארְט מִיט דִי תֵּימָנֶ'ע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן זִיךְ דָארְט אוֹיף. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיטְן כֹּחַ פוּן זַיין שְׁלִיחוּת, וִוי עֶר קוּמְט אָן אַהִין הָאט מֶען אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, מֶען הָאט אִים גוּט אָנְגֶעהַאקְט אוּן אָנְגֶעשְׁלָאגְן, אָבֶּער דָאךְ אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען אוֹיף אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטְן וֶועג זִיךְ אַרַיין צוּ כַאפְּן דָארְט, הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט זֵיי אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה פוּן זֵיי רַחְמָנָא לִצְלָן.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז עֶר אַרַיין אִין אֵיינֶע פוּן דִי גֶעצֶעלְטְן וָואס זֵיי הָאבְן גֶעהַאט, זֶעהְט עֶר דָארְט אַ עֶלְטֶערֶער תֵּימָנֶ'ער אִיד וֵויינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער (נוּסָח מוּסָף לְיָמִים טוֹבִים): **וּמִפְּנֵי חֲטָאֵנוּ גָלִינוּ לְאַרְצֵינוּ**. אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַז אִין תֵּימָן אִיז גֶעוֶוען אַזַא נוּסָח [**לְאַרְצֵינוּ** אוּן נִישְׁט **מֵאַרְצֵינוּ**], וַוייל זֵיי זֶענֶען פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן קַיין תֵּימָן נָאךְ דִי חוּרְבְּן פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן בֵּית מִקְדָּשׁ, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין פַארְבְּלִיבְּן דָארְט. הָאט דֶער אִיד אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט אַ בִּיטֶערְלִיכְן גֶעוֵויין: דָא אִיז אוֹיךְ מְקוּיָם גֶעוָוארְן '**גָלִינוּ לְאַרְצֵינוּ**' - מִיר זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּלִיבּ אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת! וַוייל מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעךְ צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גוֹיִם גְמוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן.

רֶבִּי יַעֲקֹב אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם 'חֲזוֹן אִישׁ', צוּבֵּיילְט מִיט בְּלוֹיֶע צֵייכֶענֶעס אוֹיפְן פָּנִים פוּן דִי קְלֶעפּ וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן יֶענֶעם אִיד, פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער 'חֲזוֹן אִישׁ': בִּיזְט דָאךְ גֶעוֶוען אִין סִיבִּיר, אוּן דָארְט הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעכַאפְּט מַכּוֹת אַז מֶען זָאל אוֹיסְזָאגְן וואוּ עֶס אִיז דָא אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן פוּן דִי רוּסְן הָאט מֶען בַּאקוּמֶען שְׁטֶערְקֶערֶע קְלֶעפּ פַארְן נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס הָאט דִיר דָאס יֶעצְט אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נִישְׁט וֶועגְן דִי קְלֶעפּ וֵויין אִיךְ, נָאר אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן פוּן דִי וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ נֶעבֶּעךְ צוּגֶעזֶעהְן, וִוי דֶער תֵּימָנֶ'ער טַאטֶע וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק: "**מִפְּנֵי חֲטָאֵנוּ גָלִינוּ לְאַרְצֵנוּ**". אַז מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעךְ צוּגֶעכַאפְּט דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיסְגֶע'שְׁמַדְ'ט רַחְמָנָא לִצְלָן.

אוּן אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף אַזַא פְּלַאץ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזַא הֶערְלִיכֶע קְהִלָּה, נָאכְדֶעם וָואס אַלֶעס קוּמְט נָאךְ אֲפִילוּ יֶעצְט אָן בִּיטֶער שְׁוֶוער, וַוייל דָארְט אִיז פוּן אֵיין זַייט טַאקֶע דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶס דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלַאץ, וואוּ דִי פַארְבִּיסֶענְסְטֶע מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעפִינֶען זִיךְ, בִּפְרַט זִיצְט דָארְט דֶער 'שְׁטְרָאף' (רָב מִטַעַם), וָואס עֶר אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין.

וִוי בַּאקַאנְט אִיז אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן אִין אַמֶערִיקֶע גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ דִי מַצָּב פוּן אִידִישְׁקֵייט, אַלֶעס מִיט דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע רַבָּנִים (רַאבֵּייס), אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק מְלִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע שְׁנַת תש"א הָאט עֶר שְׁטַארְק פַארְפִירְט אַקֶעגְן זֵיי, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן (אִגְּרוֹת קוֹדֶשׁ (כְּרַךְ ז) מִכְתָּבִים א'תתקפח, ב'עה; סֵפֶר הַשִּׂיחוֹת מִשְּׁנַת תש"ג, עָמוּד 28): **דִי 'וֶוערֶעמְדִיגֶע רַבָּנִים' הָאבְן חָרוּב גֶעמַאכְט דִי אִידִישְׁקֵייט אִין אַמֶערִיקֶע!** וַוייל עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶסִירְט קַיין 'חִינוּךְ' פַאר דִי קִינְדֶער.

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ אִין יַבְנְאֵל, וואוּ עֶס אִיז דָארְט פַארְהַאן אַזֶעלֶעכֶע פַארְבִּיסֶענֶע רְשָׁעִים אַז מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן וָואס אִיר זֶעהְט דָארְט הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער וואוּנְדֶער, אוּן נָאר אַדַאנְק תְּפִלָּה, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הֶעלְפְט עֶר, אוּן אֲפִילוּ עֶס פֶעלְט נָאךְ אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת, אָבֶּער דָאס אַלֵיין אַז מֶען הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט מִיד אוּן מֶען גֶעט נִישְׁט אוֹיף, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.

(קונטרס "דער אוצר איז ביי דיר")



# דעם רבי'נ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 18

פארזעצונג פון פריער:

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע בָּאדְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אַרָאפְּמָאלְן, גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פִיר אֵיילְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פּוֹעֵלְ'ן אוּן מַשִּׂיג זַיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

...

גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אַן אַכְסַנְיָא וָואס זַיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעדִינְגֶען, אוּן נָאכְמִיטָאג זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן פוּן דָארְט צוּ דִי שׁוּל, וואוּ זַיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בִּיז בַּייְנַאכְט.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּייְנַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר לַאנְג גֶעדַאוְונְט, וִוי זַיין סֵדֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת.

[סְ'אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַשִּׂיג גֶעוֶוען בִּשְׁלֵימוּת דֶער עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט, "**מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵייסְט אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעיַרְשְׁ'נְט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן אַלְס מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה**" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ת"ה)].

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דָאס דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּייְנַאכְט, אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶע מִינוּט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, "וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, צוּ זַיין דָא יֶעצְט מִיט מִיר".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אִים פָארְלֵיינֶען אוּן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן זִיךְ מַזְכִּיר גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן קְוִויטְלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען. אוּן זַיי הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה, אוּן אַלֶעס אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, בִּיז נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן.

אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל, אָבֶער וֶוען זַיי זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְ'דַאֲגָה'ט מִיט אַ לֵב נִשְׁבָּר אוֹיף אַ שְׁטַארְקְן פַארְנֶעם, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם.

דָאנֶערְשְׁטָאג, ג' תִּשְׁרֵי, צוֹם גְּדַלְיָה, הָאט דֶער רֶבִּי גְלַייךְ גֶעוָואלְט צוּרִיק פָארְן אַהֵיים קַיין חוּץ לָאָרֶץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ קַיין שׁוּם פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט קַיין צְפַת אוּן נִישְׁט קַיין טְבֶרְיָה. אָבֶער דֶער בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק הָאט יָא זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֵיין אַבִּיסְל זִיךְ אַרוּמְקוּקְן אִין דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט שׁוֹין צוּרִיק פָארְן אַזוֹי שְׁנֶעל, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז דָא אַ שַׁיָּרָה וָואס מְ'קֶען מִיט זַיי גֵיין קַיין טְבֶרְיָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ סְ'גְלוּסְט דִיר צוּ גֵיין קַיין טְבֶרְיָה, גֵיי דִינְג אֵייזְלֶען". עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס גֶעלְט פַאר אַן אַיינְגַאבֶּע.

וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "הָאסְט גֶעדִינְגֶען אֵייזְלֶען?", הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "גֵיי שׁוֹין צוּרִיק אוּן בֶּעט צוּרִיק דִי אַיינְגַאבֶּע, אוּן אוֹיבּ וִוילְן זַיי דִיר עֶס נִישְׁט צוּרִיק גֶעבְּן לָאז עֶס בַּיי זֵיי, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט אַהִינְגֵיין. אַ צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז ר' יִצְחָק גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי שַׁיָּרָה.

דֶערְוַוייל אִיז בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַאר דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן צְפַת אוּן טְבֶרְיָה, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ אִין חֵיפָה, אוּן דִי גְדוֹלִים אוּן צַדִיקִים פוּן דָארְט, וִוי הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע, אוּן אוֹיךְ פוּן סְפַרְדִי'שֶׁע חֲכָמִים, הָאבְּן גֶעשִׁיקְט מֶענְטְשְׁן צוּם רֶבִּי'ן, אִים צוּ בֶּעטְן אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ פָארְן צוּ זֵיי.

דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ בְּרִיוו אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן גְדוֹלִים, אַז אַלֶע בֶּעטְן זִיךְ בַּיי אִים עֶר זָאל קוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה אוֹיף יוֹם טוֹב סוּכּוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָבֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, אוּן אִיז גֶעבְלִיבְּן אִין חֵיפָה.

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

## זכות פרשה - $1,200

| | | |
|---|---|---|
| בראשית | נח | לך לך |
| וירא | חיי שרה | תולדות |
| ויצא | וישלח | וישב |
| מקץ | ויגש | ויחי |
| שמות | וארא | בא |
| משפטים | תרומה | תצוה |
| כי תשא | ויקהל | פקודי |
| ויקרא | צו | שמיני |
| תזריע | מצורע | אחרי |
| קדושים | אמור | בהר |
| בחוקותי | במדבר | נשא |
| בהעלותך | שלח | קרח |
| חקת | בלק | פנחס |
| מטות | מסעי | דברים |
| | עקב | ראה |
| | שופטים | תצא |
| | תבוא | נצבים |
| | וילך | האזינו |

בראשית

זכות ספ

צו קויפן א זכות


זכות פרשה מיוחדת - $1,800
בשלח
יתרו
ואתחנן
ברכה
זכות עמוד - $500
$2,500 -
845.379.2626



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## באטע פרשת שמות תשפ"ב

נאכן בענטשן האט מען אריינגעברענגט די גוטע זאכן לכבוד שבת. די קינדער האבן געשמועסט צווישן זיך, איך האב 'ליב' די נאש, און איך האב 'ליב' יענע נאש, האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט שטרענג, ליב?! ליב האט מען דעם אייבערשטן. מען קען זאגן איך 'גלייך' די נאש.

און דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער וויל האבן פון די גוטע נאש? אלע קינדער האבן געשריגן "איך"! האט דער ראש ישיבה זיי פאררעכטן און געזאגט, 'איך - איז דער אייבערשטער' און דער ראש ישיבה האט נאכאמאל געפרעגט, ווער וויל האבן פון די גוטע זאכן? האבן זיי נאכאמאל געענטפערט 'איך'. האט דער ראש ישיבה ווייטער געפרעגט די זעלבע פראגע, ביז יעדער פון די קינדער האבן געענטפערט זייער נאמען, יצחק דוד דארף, הערשי דארף נאש, יוסף וויל נאש, דערנאך האט זיי דער ראש ישיבה געגעבן פון די גוטע נאש.

מען האט גוזינגען זמירות, נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די פרשה. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז משה רבינו האט געפאשעט די שעפעלעך, ווען אינמיטן האט ער געזען א דארן בוים ברענט, דער אייבערשטער האט זיך דארט באוויזן צו אים. דער ראש ישיבה האט מסביר געווען פאר די קינדער אז א דארן בוים איז א מין שטעכעדיגע בוים, וואס אויב כאפט מען זיך אן אין דעם ווערט מען אינגאנצן צושטאכן. פארוואס האט דער אייבערשטער זיך באוויזן דווקא אין א דארן בוים, פארוואס נישט אין א זיסע בוים למשל סטראבערי בוים, אין א קיווי בוים, אדער אין עפעס א אנדערע זיסע בוים? ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן אז אין די צרה, דארט ווי מען ווערט אזוי צושטאכן און צוציפט, אויך דארט איז דער אייבערשטער.

מען האט ווייטער גוזינגען זמירות, נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז ווילאנג א מענטש טוט די עצות וואס מען רעדט ביי די שיעורים, איז ער זיך מחי' מיט יעדע שיעור וואס ער הערט און ער וויל הערן נאך און נאך. אבער ווי נאר מען הערט אויף צו טון די עצות, ווערט מען גלייך נערוועז פון די שיעורים, די מענטש אליין כאפט נישט פארוואס. א מענטש וואס זאגט משניות, איז זיך מחי' צו הערן נאכאמאל און נאכאמאל "זאג משניות", אבער א מענטש וואס זאגט שוין נישט קיין משניות, ווערט ער נערוועז פון דעם.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די וויכטיגקייט פון לערנען ספר "עצתו אמונה" און "אשר בנחל". דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אסאך מאל א מענטש ווערט מקורב צום הייליג'ן רבי'ן, ער טרעפט א ספר "אשר בנחל" אדער "עצתו אמונה", ער פאנגט אן צו לערנען און ער מאכט זיך אסאך שיעורים, אבער נאכדעם ווערט ער אזוי פארנומען מיט זיינע שיעורים אז ער הערט אויף צו לערנען "אשר בנחל". און נאכדעם אז ער באקומט מער נישט קיין חיזוק, הערט ער אויף צו לערנען און ער הערט אויף מיט אלעס." האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: "עצתו אמונה" און "אשר בנחל" דאס דארף זיין די וויכטיגסטע שיעור."

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן און געזאגט: "ניין און ניינציג פראצענט מענטשן אין היכל הקודש פרעגן נישט יעדע זאך וואס צו טון. מען דארף נישט דווקא פרעגן דעם ראש ישיבה ווי אזוי זיך צו פירן, מען קען אויפזוכן א ענטפער אין "אשר בנחל". אבער רוב מענטשן גייען מיט די שטראם, מען טוט וואס יעדער טוט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער האט אים געזאגט: "נאך א מזל ס'איז דא אזעלכע אינטערעסאנטע מענטשן וואס פרעגן אלע מיני שאלות, אזוי האב איך נאכדעם א שיינע "עצתו אמונה" וואו מען קען טרעפן תירוצים אויף אלע ספיקות." דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט מיט די מעשה אז רוב מענטשן פרעגן נישט וואס צו טון, מען קוקט וואס יעדער טוט און אזוי טוט מען.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר יעדעם, גוט שבת, גוט שבת! "ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן אזא הערליכע באטע."



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת וארא תשפ"ב

די וואך פרשת וארא האב איך געהאט די זכי' מיטצוהאלטן א הערליכע סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען מיט א פרייליכן גוט שבת גוט שבת!

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען זמירות מיט די קינדער, און ווען מען איז אנגעקומען צו 'מודה אני לפניך' האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ווען רבי נתן פלעגט דאס זאגן האט זיך געגאסן טרערן פון זיינע אויגן.

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן און געזאגט: "ווער ווייסט וואס מען דארף טון פאר קידוש?" און דער ראש ישיבה האט געענטפערט אז פאר קידוש דארף מען תשובה טון.

נאך קידוש האבן אלע קינדער געמאכט א שורה ביי די סינק און דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן.

מען האט געשמועסט וועגן די שבת שבע ברכות וואס גייט פארקומען קומענדיגע וואך אין שטעטל, האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ער האט געזאגט אז די זיידע און באבע פארקאש דארפן נישט מיטנעמען אן אייניקל וואס זאל זיי באגלייטן, ווייל די חתן און די כלה וועלן זיי קענען אהיימבאגלייטן. דאס איז די שענסטע זאך, אז א חתן און כלה זאלן באגלייטן די זיידע און באבע.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געהערט פון זיין מאמע גאר א גוטווארט וואס ער האט זייער הנאה געהאט פון דעם: "אין הונדערט יאר ארום וועט קיינער נישט וויסן וועלכע קליידער דו האסט געהאט, אדער אין וועלכע הויז דו האסט געוואוינט, עס וועט נאר בלייבן וואס דו האסט געטון פאר די קינדער."

און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך ווען ער האט געגעבן א שיעור פאר די איינגעשטעלטע אין שטעטל סקול, האט ער געקלונגען זיין מאמע אינמיטן די שיעור און איר געגעבן אז זי זאל עס איבערזאגן פאר זיי.

מען האט אריינגעברענגט די זופ, און דער ראש ישיבה האט געהאלפן די קליינע קינדער עסן און זיי געפיטערט די זופ.

נאכדעם האבן די קינדער אנגעפאנגען צו מאכן אלע מיני אינטערעסאנטע חידות און ווערטליך, עס איז געווען זייער פרייליך און לעבעדיג.

איינער פון די קינדער האבן געבעטן דעם ראש ישיבה זאל וויזן די וויץ פון די לעפל מיט די טיי. האט דער ראש ישיבה גענומען א לעפל און א קאפ, און אנגעפאנגען צו פארציילן: איינמאל איז געווען א מענטש וואס איז געקומען צו די דאקטער און געזאגט אז יעדע מאל ער טרינקט טיי טוט אים זיין אויגן זייער שטארק וויי. האט אים די דאקטער געזאגט אז ער וויל זען ווי אזוי ער מאכט א טיי. די מענטש האט אנגעפאנגען צו מאכן א טיי, און ער האט גענומען א לעפל צו אויסמישן די האניג מיט די טיי, און אזוי האט ער אנגעפאנגען צו טרינקען. אבער די לעפל האט אריינגעהאקט אין זיין אויגן און ס'האט אים וויי געטון... און דער ראש ישיבה האט עס נאכגעמאכט מיט די לעפל און די קאפ, און אלע קינדער האבן געלאכט...

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט נאך א ווערטל, אז אמאל איז געווען איינער וואס האט נישט געהאט וואס צו טון, פלעגט ער יעדן טאג קומען צו די דאקטער זאגן אז עפעס אנדערש טוט אים וויי. איינמאל איז אדורך אפאר טעג וואס יענע מענטש איז נישט געקומען, די נעקסטע מאל וואס ער איז געקומען האט אים די דאקטער געפרעגט, וואס איז געשען לעצטע וואך אז דו ביסט נישט געקומען? האט ער געענטפערט אז לעצטע וואך האט ער נישט גוט געפילט.. אלע קינדער האבן זייער געלאכט.

נאכן מיטהאלטן שוין אסאך סעודות ביים ראש ישיבה זע איך אז יעדע וואך מאכט דער ראש ישיבה ווערטליך ביי די סעודה אז די קינדער זאלן זיין פרייליך עס זאל זיין א געשמאקע אטמאספער.

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט א חידה, און דער ראש ישיבה האט עס נאכגעזאגט הויך: "וויפיל

<<<<

מוריטשקעס קענען אריינגיין אין א עלעוועיטער? קיין איינס נישט. ווייל זיי פאלן אריין אין די לאך צווישן די פלאר און די עלעוועיטער..."

עס איז געווען זייער אינטערסאנט צו זען וויאזוי דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעלאזט צו די קינדער, און אויסגעהערט זייערע מעשיות און חידות און דער ראש ישיבה האט זיי פארציילט ווערטליך, און אויך די גרויסע קינדער און יעדער וואס איז דארט געווען האט זייער הנאה געהאט.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט די פלייש, און עס האבן אנגעפאנגען צו קומען אסאך בחורים מיטצוהאלטן די באטע.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: ש'כח אייבערשטער אז איך מאך שוין יעצט חתונה מיין דריטע קינד, און דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב שוין צוויי שנורן, מיט א טיכל און שירצל. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געזאגט: "אזוי זיצט מען אין גן עדן. מיט א ווייסע טיכל, א ווייסע שירצל און א פערל קייטל." און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "אינטערסאנט אז די יונגע דור וויל נישט גיין מיט א פערל קייטל".

שפעטער ביי די באטע ווען עס זענען שוין געווען מער מענטשן, האט דער ראש ישיבה עס נאכאמאל איבערגעזאגט.: "אזוי זיצט מען אין גן עדן, מיט א ווייסע טיכל, א ווייסע שירצל און א פערל קייטל."

האט איינער פון די געסט געפרעגט דעם ראש ישיבה, ווער זאגט אזוי? האט דער ראש ישיבה געשמייכלט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען אסאך ניגונים, און אויך די ניגון פון דעם ראש ישיבה'ס טאטע, זייער א ווארעמע ניגון אויף די ווערטער וואס שטייט אין שיר השירים "משכיני אחריך נרוצה וגו' טאטע טאטע צי מיך צו דיר, איך וועל צו דיך לויפן אויף אלע פיר, אין דיינע צימערן א אפענע טיר, מיר וועלן זיך פרייען אן א שיעור."

שפעטער האט דער ראש ישיבה געליינט הויך די מעשיות פון תפילות וואס די קינדער ברענגען אהיים פון חדר, און עס איז געשטאנען אז איינער פון די קינדער האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל זיין פריילך, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז זייער א שיינע מעשה פון תפילה, ווייל אז מען איז פריילך האט מען שוין אלעס.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער א מעשה מיט בילדער פון איינער פון די קינדער ביכלעך, וועגן א אינגל וואס האט נישט אויפגעוועקט זיין מאמע ווען ער האט געדארפט עפעס א טוי, אלע קינדער האבן זיך צוגעהערט פארגאפט.

דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן די בילדער און נאכגעמאכט די קולות פון דעם אינגל, און פון די מאמע, און דער ראש ישיבה האט געמאכט א קוויטשעדיגע קול ווען די בעיבי האט גערעדט, און עס איז געווען זייער אינטערעסאנט מיטצוהאלטן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט אז איינער האט אים געשריבן א בריוו, אז ער ווייסט נישט וואס צו טון, ווייל אסאך מאל ווען ער קומט אהיים שפעט, אדער ער רעדט אויפן טעלעפאון, ווערט זיין ווייב אזוי גערעגט אויף אים און ז' פאנגט אים אן צו גראדזשען, און ער ווייסט נישט וואס צו טון, ער האט שוין געהערט אז א ווייב קען בלאזן אדער שרייען, אבער ער וויל וויסן אויב דאס איז אויך נארמאל?

יעדער איז געווארן זייער נייגעריג צו הערן וואס דער ראש ישיבה האט געענטפערט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נעקסטע וואך וועט מען קענען זען אין די עצתו אמונה וואס די ענטפער איז.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט אויף איינעם אז ער מאכט זייער אינטערעסאנט זיין שבת טיש. ער שפילט א געים מיט די קינדער 'עצתו אמונה געים'. ביי די סעודה פרעגט ער פון די קינדער א שאלה פון עצתו אמונה און אלע קינדער האבן א געלעגנהייט צו זאגן וואס זיי טראכטן אז די תשובה וועט זיין. נאכדעם וואס יעדער האט שוין געזאגט, ליינט ער פאר די תשובה פון דעם ראש ישיבה.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערופן די קינדער צו קומען בענטשן, און דער ראש ישיבה האט געבענטשט מיט זיי מיט א ניגון.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכער שיינע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א, עס האט געהאט אלע טעמים, עס האט געשפירט ממש טעם גן עדן, אסאך מאל טראכט איך "וואס קען שוין דער ראש ישיבה צולייגן מער צו דעם סעודה וואס עס איז נישט געווען ביי אלע פריערדיגע סעודות ביז אהער, אבער יעדע מאל זעה איך אז איך בין נישט געווען גערעכט, אלץ איז די סעודה אזוי געשמאק און פריילך, עס מאכט דעם שבת זאל האבן אלע טעמים.

# בילדער
## אפטיילונג



שבע ברכות פארן ראש ישיבה אין היכל הקודש קרית יואל צוגעשטעלט דורכן זיידן ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א - מיטוואך בא.



שבע ברכות אינעם שטוב פונעם מחותן ר' יואל פארקאש שליט"א - דאנערשטאג בא.



קביעת מזוזה אין די נייע קלאסן פון תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי, מאנטאג פרשת בשלח.



שבע ברכות פארן ראש ישיבה שליט"א מוצאי שבת פרשת בא אין בנין התלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי





קביעת מזוזה פאר א טייל פון די נייע איינוואוינער וואס האבן זיך אריינגעצויגן אויף די טווין ברידזש גאס רעכטס: אין שטוב פון ר' לייב אפפעל הי"ו. לינקס: אין שטוב פון ר' יודל טירנויער הי"ו

# בילדער
## אפטיילונג



קביעת מזוזה אין שטוב פון ר׳ יצחק אהרן וויינבערג הי״ו



סיום מסכת מגילה אין כיתה ט׳ קרית ברסלב ליבערטי - דאנערשטאג פרשת בשלח.




תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים געעפנט אירע טויערן



צוויי געסט פון שטעטל באזוכן דעם נייעם חדר אין ירושלים עיר הקודש - מאנטאג בשלח.





סיום מסכת מגילה מסיים געווען ברוב עם דאנערשטאג בשלח אין ישיבה צוזאמען מיט די וועכנטליכע שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א. דער דיין שליט"א האט מסיים געווען די מסכתא און דערנאך גערעדט אפאר ווערטער לכבוד דעם מעמד.

# בילדער
## אפטיילונג



הערליכע מלוה מלכה ווערט צוגעגרייט אין בית המדרש האשקי לטובת החזקת בית המדרש עצתו אמונה



א טייל פונעם ציבור ביים מלוה מלכה.



ביים פארטיילן א הושענה פון מוהרא"ש זי"ע פאר אלע וואס האבן געגעבן שיינע נתינות.



ר' אהרן פיש הי"ו ביי זיין רעדע.



ר' אהרן וועבערמאן הי"ו ביים געבן זיין הערליכן דרשה.



ר' יואל שניטצלער הי"ו גבאי פון ביהמ"ד עצתו אמונה ביים אויפטרעטן מיט טרעפליכע דיבורים.



# קינדער אפטיילונג

## איך גיי צום רבי'ן

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט אוּנְזֶער נְשָׁמָה; דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶוען עֶר וֶועט נִפְטָר וֶוערְן, זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶועט דִי נְשָׁמָה גֵיין אִין גַן-עֵדֶן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִיק וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין נָאכְן נִפְטָר וֶוערְן צוּם צַדִיק.

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, רֶבִּי סֶענְדֶרְ'ל פוּן טִירָאוִויצֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶער רֶבִּי סֶענְדֶרְ'ל אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן זַיין סֵדֶר הַיוֹם אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַּארְטָאגְס פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן לֶערְנֶען דָארְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַּארְטָאגְס צוּם צִיוּן הָאט מֶען גֶעזֶען אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיוּן.



אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיוּן

מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס אִיז דָאס? אֶפְשָׁר אַ מַלְאָךְ? אֶפְשָׁר אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ?' קוּקֶנְדִיג הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז רֶבִּי סֶענְדֶרְ'ל פוּן טִירָאוִויצֶע!" דֶער רֶבִּי סֶענְדֶרְ'ל אִיז גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס מִיט שְׁנֵיי, מֶען אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי סֶענְדֶרְ'ל וָואס טוּט אִיר דָא? עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ פַּארְפְרוֹירְן?!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַּארְטָאגְס צוּם צִיוּן אוּן גֶעזֶען אַז דֶער צִיוּן אִיז פַארְשְׁפַּארְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן רֶבִּינְ'ס צִיוּן; אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן אִיךְ וִויל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הֵיכַל אִין גַן עֵדֶן, וִויל אִיךְ נִישְׁט מֶען זָאל מִיר אַוֶועקְשְׁטוּפְּן מִיט תֵּירוּצִים: 'עֶס רֶעגְנְט, עֶס שְׁנֵייט, עֶס אִיז וַוייט, עֶס אִיז קַאלְט' אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר דִי מַלְאָכִים אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף תֵּירוּצִים, אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וִויל אִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין תֵּירוּצִים - וֶועט מֶען מִיר מוּזְן לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן".

טרעף די פאלגענדע ווארט

# ווייפל מאל קענסטו טרעפן די ווארט

# מוהראש

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ש | ח | צ | מ | ו | ה | ר | א | ש | מ | צ | ש | ש | ש | מ | נ | ש | ש | ש | י | א | ר | ח | ש | מ | מ | מ | ו | מ | ו | ה | ר | א | ש | מ | מ |
| צ | א | ב | ע | מ | ו | ה | ר | א | ש | פ | ו | א | א | ת | א | ו | ת | א | א | ס | ע | ג | א | ר | ו | ו | ק | ו | י | ש | ר | ע | כ | ש | ו | מ |
| נ | ר | פ | י | מ | ו | ה | ר | א | ש | ק | ר | ה | ג | ר | כ | ר | ה | ט | ר | ר | מ | ר | ר | י | ה | ה | מ | ר | ה | מ | א | ב | ג | ה | ה | ו |
| ת | ה | ל | ה | י | ש | ג | ש | י | צ | ה | ג | ה | ר | א | ה | ט | ה | ר | ב | ה | ה | ו | נ | פ | ר | ר | צ | צ | ו | ר | ש | ר | ר | ש | ר | ה |
| מ | ו | ה | ר | א | ש | א | ש | ס | ו | ת | ר | ד | א | א | ט | ו | ר | ו | א | ו | ו | ו | ה | ח | א | א | א | ה | פ | א | א | א | ה | מ | א | ר |
| ס | מ | ד | ר | א | ר | א | ש | מ | ש | א | ר | ה | ו | מ | ש | ז | מ | ש | מ | ש | א | מ | מ | ר | ש | ש | ר | מ | ר | נ | ש | ש | ד | ו | ש | א |
| ח | ו | ה | ר | ה | ר | ו | ר | א | מ | ו | ה | ר | א | ש | מ | ש | ה | א | מ | ו | ה | ר | א | ש | א | א | א | ה | ו | ד | ד | כ | ט | ה | מ | ש |
| ז | ו | ה | ו | ה | מ | ש | מ | ה | ר | ש | א | ר | ה | ו | מ | ו | ה | ר | א | ש | כ | ק | ח | ה | ש | ש | ו | מ | ו | ה | ר | א | ש | ר | ה | נ |
| מ | ו | מ | ו | ח | מ | ו | א | ו | ו | ה | א | ר | מ | ז | ר | ו | מ | ה | ק | ש | מ | י | ש | ק | ל | מ | ע | ש | ש | מ | ר | ק | ר | א | מ | מ |
| מ | ע | מ | ב | מ | ו | ו | ה | ר | ה | מ | ו | ר | ו | י | כ | מ | ו | ו | ר | ל | א | ק | ו | א | פ | ט | א | א | ש | ו | נ | א | א | ש | ו | ר |
| ה | מ | ו | ה | ר | א | ש | ה | ר | ה | ר | ד | מ | ה | ר | י | ו | ה | מ | ח | ש | מ | ר | מ | ג | ר | ר | ר | ב | א | ה | צ | ע | ש | ה | ה | ז |
| ש | ש | א | ר | ה | ו | מ | י | ר | א | ו | א | ע | ר | ו | צ | ה | ר | ו | ו | נ | ו | ו | ה | מ | ה | ה | מ | מ | ר | ר | נ | ט | ר | ש | ר | א |
| א | מ | ו | ה | ר | א | ש | י | ש | א | ש | מ | ש | א | ד | מ | ר | א | ה | ת | ה | ה | ר | ר | ו | ו | ה | ו | ת | ה | א | ר | א | מ | א | א | ה |
| ר | ו | מ | ט | מ | ת | מ | מ | י | ת | ש | ג | ו | ש | צ | ח | א | ש | ר | ח | ר | ר | ש | מ | מ | מ | ה | ה | מ | ו | ש | ש | מ | ו | ר | ש | מ |
| ה | ה | ו | ו | ו | ו | ו | ס | ל | י | ש | א | ר | ה | ו | מ | ש | מ | א | א | ט | א | א | ב | ע | ר | מ | ר | ש | מ | מ | ה | י | ה | ה | מ | ו |
| ו | ר | ה | ד | ה | ה | מ | ו | ה | ר | א | ש | ת | ג | ר | נ | ו | ו | ש | ר | י | ש | ר | ש | א | ש | ו | א | א | א | ו | ד | ע | ר | ו | ו | ה |
| מ | א | ר | ר | ר | ר | ע | כ | ש | א | ר | ה | ו | מ | ג | א | ל | ה | נ | ס | ה | ק | ה | ש | ו | ד | ה | ש | ע | ש | ר | ה | ג | א | מ | ה | ר |
| ה | ש | א | א | א | ת | א | ב | ש | א | ר | ה | ו | מ | ר | ד | ש | ר | ר | י | ר | ו | ו | פ | ש | א | ר | ה | ו | מ | ד | ה | ר | ש | ה | ר | א |
| ס | ש | ש | ל | ש | ח | צ | ש | ר | מ | ו | ה | ר | א | ש | ת | פ | א | א | א | ת | כ | מ | ס | מ | מ | א | ה | פ | ז | ק | ז | ו | א | ת | א | ש |
| ש | א | ר | ה | ו | מ | ש | א | ר | ה | ו | מ | ו | ה | ר | א | ש | ש | ט | ק | ש | א | ר | ה | ו | מ | ש | מ | ו | ה | ר | א | ש | מ | ש | ש | ת |





העלף נחמן נתן אנקומען צום ציון פון מוהרא"ש זי"ע!




## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**י. הַסִּימָן שֶׁל הַשֶּׁקֶר כְּשֶׁלֹּא יַסְכִּימוּ עָלָיו רַבִּים, וְהוּא מִשְּׁלֹשָׁה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׂוֹנְאָן.**

**טייטש.** אַ סִימָן פוּן אַ שַׁקְרָן אִיז אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן נִישְׁט מִיט אִים. אוּן אַ שַׁקְרָן אִיז אֵיינֶער פוּן דִי דְרֵיי סָארְט מֶענְטְשְׁן וָועמֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּיינְט.

## סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | 5 | | | |
| 2 | | | | | 6 |
| | 1 | | | | |
| | | 4 | | | |
| | | | | | 5 |
| | 3 | | | 1 | 4 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 8 | 9 | 4 | | 1 | 7 | 3 | |
| 4 | | 2 | | | | 8 | | 9 |
| 7 | 3 | | 8 | | 6 | | 5 | 4 |
| 8 | | 3 | | 4 | | 6 | | 1 |
| | | | 3 | | 9 | | | |
| 2 | | 5 | | 6 | | 9 | | 3 |
| 1 | 2 | | 7 | | 4 | | 9 | 8 |
| 9 | | 4 | | | | 1 | | 7 |
| | 7 | 8 | 9 | | 2 | 4 | 6 | |



## חידות
### אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: טוהן עבירות ברענגט אויפן מענטש**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. צובראכענקייט
ב. כפירות
ג. כעס
ד.קנאה אויף א צווייטן

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **וועלכע יאר איז מוהרא"ש זי"ע נפטר געווארן?**

ענטפער: תשע"ה

דער געווונער פון פאריגע וואך איז
**שלום יאקאבאוויטש נ"י - בארא פארק**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת בשלח?

## פון רעכטס צו לינקס.

2. אז מען היט די צייט, מען לעבט מיט א _____, קען מען אנקומען זייער אסאך
5. דורכ׳ן דערמאנען נעמען פון _____ קען מען טוישן די טבע
7. ווען א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה, דאס איז די בעסטע _____
8. אלע וואס זענען מקורב צו אן אמת׳ן _____, זענען זוכה צו האבן א קלארע אמונה
9. דער _____ קען אויסהיילן בעסער פון אלעמען
11. מען קען נישט מסביר זיין וואס דאס איז _____ _____ ביים הייליגן רבי׳ן
13. דעם רבינ׳ס _____ איז די בעסטע צו שטארקן די אמונה און בטחון
14. מען זאל זייער אכטונג געבן פון _____ מענטשן וואס מאכן זיך ווי א חבר
15. מען דארף זייער אכטונג געבן זיך נישט צו _____ אין די וועלט אריין

## פון אויבן אראפ.

1. דער רבי געבט א קלארע אמונה, מען שפירט זיך שטענדיג _____ מיט׳ן אייבערשטן
3. ביים רבי׳ן איז געווען _____ _____ א יסוד היסודות
4. _____ _____ איז א באד פאר די נשמה
6. דומם, צומח, חי, מדבר, אלעס איז ער, אלעס איז דער _____
8. ווער עס טוט פאר אנדערע אידן, דער באקומט א ברכה אין די _____
10. _____ איז א רפואה פאר אלעס
12. אין יעדע _____ פון רבי׳ן ליגן געוואלדיגע עצות און הדרכה פאר׳ן לעבן



# פרייליכע
# נייעס!
## פאר תושבי ענגלאנד!

עצתו אמונה איז אויך
דא צו באקומען אין
לשון הקודש און ענגליש




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
£4

תוכנ'דיג און
ציענדיג
וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ
אדרבה איבערציגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן חפט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

**0739·307·5443**

KerenHadfusaMCR@gmail.com